# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Far folḳ un heymland


**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פערעץ**



**Mosḳṿe, 1943**

דאָס דריי-און-פערציקסטע

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**



Visual Library

עס זאָטלען פּעסטונגען געפּאַנצערטע די זין דײַנע איצט אָן,
ווי פערד קאָזאַקישע זײ זײַנען דײַנע זין געהאָרכזאַם!

און שטאָל — אַנטקעגן שטאָל! און צאָל אַנטקעגן צאָל!
און קעגן מערצאָל — האַס און העלדישע געוואַגן!
פאַר יעדן בוים — מיט לעבן דרײַפאַכיק באַצאָל!
פאַר יעדן זאַנג — אײנײנעם מיטן פאַנצער פלאַקער!

ער שטײַגט, דער אײנס-אַפ-אײנס, פון אונטער פלאַם און האַס,
די האָרדעס ווײַטער רײַסן זיך און שפּאַרן,
ס׳איז יול. נאָר ס׳וועקט זײַן שנײ-רוקן דער באַרגיקער קאַווקאַז,
ער טוט אַפ שטורעם אָן זיך שוין אין כמאַרעס.

די היץ פון יול צעשמעלצט. די שלאַכט איז אין זעניט.
אַפ וואָגשאָלן — גוירלעס לײגן זיך צעפלאַקערט:
אַנטקעגן שטאָל און אײַזן — שטאַנדהאַפט פון גראַניט!
אַנטקעגן מערצאָל — האַס און װוּנדער פון געוואַגטקײַט!

——— ★✦★ ———

## דאָס דרײַ־און־פערציקסטע

עס קלינגט די צוועלפטע שאָ, פאַרשליסנדיק דאָס יאָר,
דאָס יאָר פון פײַן אַפ גאָר דער ערד פאַרזײטן.
פאַר די אַפּאָסטאָלן פון מאָרד, פון גוואַלדטאַט און פון יאָך
טראָגט זי דעם איבערקלאַנג דעם גרויזאַמען פון קײטן
מיט אַ לעוועדיקן גלאָק באַנאַנד,
אין אונטערגאַנג אין שענדלעכן דערמאַנענד.
זי שוועבט איבער דעם שוואַרצן קײווערדיקן ראַנד
און וועקט די טפיסעדיקע האַלבנאַכט פון גערמאַניע:
— זאָלן די קלאָווים-ריטער אופשטײן פון דער גרוב
און די אַנטבלויזטע שאַנד די פינצטערע דערזען דאָ,
וואָס זײ האָבן אין בלוט, אַלס זײער שטאָלץ און רום,
אין די יאָרהונדערטן מיט גײַווע אָנגעווענדעט
און איבער גאָר דער ערד פאַרברעכעריש געפּרוּווט
די מאַכט פון מאָרד און רויב און פון באַצווונג צו שאַפן,
ווי דײַטשלאַנדס גראַדן, אײַזערנעם באַרופ
אין איר געזאַלבטקײַט הערשן און פאַרשקלאַפן.

זאָלן זיי זען אין זייער ווערעמדיקן גיר
אפ אלגעוועלטיקײַט אפ העפקערשער פארמאָסטן —
אונטער דער לענין-שטאָט פון בראָך דאָס שטאָלענע געשוויר
און דאָס געביין פון פוילנדיקע האָרדעס אונטער מאָסקווע;
זאָלן זיי זען, — מיט קייווער-רוים באַזויפן זאט, —
ווי ס'וואלגערן צעוואָרפן און באַנאנד זיך
הארוגים בערג אפ וועגן פירנדע צו סטאלינגראד,
און אפ די פעלדער — קאסקעס ראָסטיקע און פאנצערס,
מיט ציילעמס ברעזענע פארזייטע נאָכאנאנד
אפ שטרעקעס ווײַט לענגויס דעם דאָן און וואָלגע;
זאָלן זיי זען זייערע אויבער-אָפּשטאמען באַם ראנד,
די קעפ פארפאקט אין שמאטעס און אין טראָלדן,
די קישקעס — דורכשפאגאטעוועט מיט שטריק,
און אָנגעשטופּט די בוזעמער מיט זעק פון גזיילע;
זאָלן זיי זען דעם לעצטן פיבער-מארש צוריק
פון מאלפעס קרעציקע אין פינצטערניש פון היילן.

צי וועט עס דען אין קייווער ניט דערמאָנען זיי
דעם בראָך דעם אייגענעם מיט פאנצערס און מיט אײַזן?
ס'איז עפשער דעמלט אויך געגאנגען א שניי
און אונטער פיס געבראָכן האָט דאָס אײַז זיך...
עס קלינגט די צוועלפטע שאָ, פארשליסנדיק דאָס יאָר,
דאָס יאָר פון פײַן אפ גאָר דער ערד פארזייטן.
פאר די אפּאָסטאָלן פון מאָרד, פון גוואלדטאט און פון יאָך
טראָגט זי דעם איבערקלאנג דעם גרויזאמען פון קייטן,
און אָנראכמאָנעסדיק זי מעלדעט און דערמאנט
פארזונקענע אין בלוט, ווי אין א הארבסטיקן געוויטער,
אז דאָס איז זייער לעצטער ראנד,
אז דאָ וועט איבער זיי דער אָפּגרונט זיך פארשליסן!
די טויערן פון צײַט זײַנען צעשפארט,
דער אורטייל ווי א שווערד אנטבלויזט פון שייד איז.
עס גייט דאָס דרײַ-און-פערציקסטע ארײַן אין שלאכט
אַן אָנטיילנעמער זײַן און זײַן אַן איידעס
פון שלאכטן ניט געוועזענע אפ דר'ערד
און העלדנטאטן ליכטיקע פון פעלקער — רויטארמייער,
וואָס קעמפן אויס די צוקונפט מיט דער שווערד
און סילעקן דאָס לעבן דאָ מיט ליבע און מיט ווײַ איר.

פונ שנײ זיכ שפרײט די אומעטיקע פראכט,
אונ קינד-אונ-קײט — צו אָפּפער גרײט איז...
עס גײט דאָס דרײַ-אונ-פערציקסטע אַרײַנ אינ שלאכט
אנ אָנטײלנעמער זײַנ אונ זײַנ אנ אײדעס
פונ זיג איבער דער פינצטערניש אפ דר׳ערד,
פונ ליבע אונ געוואגטקײַט אומגעהערטער,
פונ דער גערעכטער שטראָפנדיקער שווערד,
וואָס ס׳טראָגנ שטאָלצ פונ פֿאָלק די זינ אונ טעכטער.
זײַנ אָנקומ זײַנ זאָל זיבנ מאָל געבענטשט,
זאָל מיטנ אָנגריפ אפנ פײַנט באגעגנט זײַנ דאָס נײַ-יאָר
אינ נאָמענ פונ דער צוקונפט אונ דעמ מענטש,
אינ נאָמענ פונ זײַנ בלוט-באצאָלטער פרײַהײַט!

★✦★

## א יאָמטעוו זײַנ וועט אויכ אפ אונדזער גאס

ער שמעלצט אינ פײַער זיכ פונ מוט אונ צאָרנ.
ער צײַטיקט גרײַפנדיק אינ פלאמ פונ האס.
אונ אופגײנ וועט ער מיט געשאל פונ האָרנ,
קאיאָריק בלענדנדיק אפ אונדזער גאס.

די טעג אינ אונטערוועגס, די נעכט אינ גראָבנס,
די וועגנ פײַערדיקע — פאס נאָכ פאס —
צעבליִענ וועלנ זיכ מיט זיסע גאָבנ
אינ יאָמטעוו ליכטיקנ אפ אונדזער גאס.

זײַנ טראָט האָט דורכגעהילכט אינ וואָרט פונ פירער,
זײַנ אָטעמ דורכגעהויכט האָט עכט אונ הארט:
קײנ שפאנ קײנ אײנציקנ אינ שלאכט פארלירנ,
דעמ פײַנט ניט אָפּטרעטנ קײנ טראָט אינ שלאכט!

געליבטע ווארטנ אינ געפאנג פארשפארטע,
אונ קינדער הײמלאָזע — פארצערט אונ בלאס;
דורכ ניט געוועזענע, דורכ הײסע שלאכטנ
ער גײט אונ נענטערט זיכ צו אונדזער גאס.

ער איז אינ ווידערשטאגד צומ סוינעס רײענ,
אינ שטאנדהאפט שטאָלענער בא יעדער לאסט;
דורכ ראנד געפעסטיקטנ אינ די טראנשײענ
ז׳דער קירצסטער וועג זײַנער צו אונדזער גאס.